בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# וֶוער אִיז דֶער חָסִיד?!

וָואס דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר, גֶעזָאגְט גָעוָוארְן דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִיק מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א

ווִי עֶס וֶוערְט עֶרְקְלֶערְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער קֶען עֶר בַּאוַוייזְן מוֹרָא'דִיגֶע 'נִסִים' אוּן טוּישְׁן דִי טֶבַע אִינְגַאנְצְן, אַז אַלֶעס פִירְט זִיךְ בַּיי אִים נָאר מִיט 'הַשְׁגָחָה', דִי זֶעלְבֶּע צַייט מְעוֹרֵר: זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן פוּן "פַאלְשֶׁע אוּן אַרָאפְּגֶעפַאלֶענֶע חֲסִידִים", אוּן דִי סַכָּנָה דֶערְפוּן.

## פַּרְשַׁת צַו [שַׁבָּת הַגָּדוֹל] תשע"ג

גֶעבּוֹיעֶט אוּן בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער אוּן פָּארְכְטִיגֶער רֶבִּי, דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָדוֹשׁ, אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע לִיכְט, וָואס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן אִיהְם,

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**מתיבתא היכל הקודש**
Mesifta Heichal Hakodesh
1129-42nd Street
Brooklyn NY 11219

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
79 Decatur Avenue.
**347-243-2992**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בנשיאות כ"ק מוהרא"ש שליט"א
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site: www.breslevcity.co.il**
לשמוע השיעורים 212-444-9191
**Find our entire book selection at:**
**amazon.com** or at: **mohorosh.com**
**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-481-3321**

breslevcity.co.il

# וֶוער אִיז דֶער חָסִיד?!

א.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רנ; וְעַיֵּין בְּלִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, נְטִילַת יָדַיִם שַׁחֲרִית, הֲלָכָה ב): יֶעדֶע מִין צַעַר אוּן אַלֶע יִסוּרִים וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט, אִיז נָאר וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט דֶעם רִיכְטִיגְן דַעַת, וַוייל וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקְן דַעַת אוּן אַ שְׁטַארְקְן מֹחַ, וָואלְט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט גֶעהַאט קַיין יִסוּרִים אוּן נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט קַיין שׁוּם צַעַר, כָּאטְשִׁיג עֶס זֶענֶען דָא יִסוּרִים וָואס אַ מֶענְטְשׁ מוּז שְׁפִּירְן, לְמָשָׁל: יִסוּרִים אִין דִי קֶערְפֶּער אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל

breslevcity.co.il

אָפְּהִיטְן דִי קָאפּ טוּט וויי, דִי הֶענְט טוּט וויי, אָדֶער חַס וְשָׁלוֹם דֶער גַאנְצֶער גוּף טוּט וויי, וָואס מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן בַּיי דֶעם אַז עֶס אִיז נָאר אַ דִמְיוֹן, פוּן דֶעסְטְוֶועגְן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֵייגְט אִין זִיךְ אַרַיין דִי אֶמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט (אִיּוֹב א, כא): ה׳ נָתָן וַה׳ לָקַח יְהִי שֵׁם ה׳ מְבוֹרָךְ וְגוֹ׳. כָאטְשִׁיג עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער, קֶען עֶר דָאס אַרִיבֶּערְטְרָאגְן, אוּן אַוַודַאי יִסוּרִים וָואס זֶענֶען אִינְדְרוֹיסְן פוּן זַיין קֶערְפֶּער, לְמָשָׁל: אֵיינֶער פַארְשֶׁעמְט אִים, אָדֶער מֶען גֶעט אִים נִישְׁט דֶעם רִיכְטִיגְן כָּבוֹד, אוֹיב וֵוייסְט עֶר אַז אַלֶעס וֶוערְט גֶעפִירְט אִינְגַאנְצְן דוּרְכְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דָאס בַּיי אִים פָּשׁוּט אַ גֶעלֶעכְטֶער, אוּן דָאס אִיז בַּיי אִים בִּכְלַל נִישְׁט קַיין יִסוּרִים, עֶר וֵוייסְט אַז עֶר דַארְף דָאס לַיידְן וֶועגְן זַיינֶע עֲווֹנוֹת.

דֶער בַּעַל-שֵׁם-הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען מִיט זַיין מֹחַ אוּן מַחְשָׁבָה, לַיידְט עֶר פוּן דִי ׳קִינְדֶער׳, [אוּן וֶוער קֶען דֶען זָאגְן אַז זַיין מֹחַ אִיז אִים רֵיין פוּן קִינְדְוַוייז אָן, אַז עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט מְהַרְהֵר גֶעוֶוען קַיין הִרְהוּרִים רָעִים אוּן שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן, דֶערְפַאר בַּאצָאלְט עֶר נָאכְדֶעם מִיט דִי קִינְדֶער.] אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען מִיטְן דִיבּוּר -

ער האט גערעדט וואס ער דארף נישט, ליידט ער פון זיין ווייב. און אז א מענטש האט רחמנא לצלן פוגם געווען במעשה - געטוהן ליידער זאכן וואס מען טאר נישט, ליידט ער פון מענטשן.

אבער דאס אלעס הייסט יסורים וואס איז 'אינדרויסן' פון גוף, אוודאי טוט עס וויי, אבער אויב ווייסט ער אז אלעס פירט זיך מיט 'השגחה פרטיות', האט ער שוין נישט קיין יסורים, נאר אפילו ווען ער האט 'יסורי הגוף' דער אייבערשטער זאל אפהיטן, ער איז נישט געזונט, אבער וויבאלד ער ווייסט "עס איז אלעס פון באשעפער", וועט ער זיך קענען בעסער דערהאלטן!

ב.

זאגט דער הייליגער רבי: דאס איז דער עיקר צער וואס כלל ישראל ליידן נעבעך אין גלות, ווייל זיי זענען אויסגעמישט צווישן די גוים, און זיי זעהען אז דעם גוי פעלט גארנישט, און די אידן האבן פונקט דאס פארקערטע, דאס צוברעכט זיי זייער שטארק; אבער אז מען קלעבט זיך צו צום בורא כל עולמים לאכט מען זיך אויס פון די אלע זאכן! ווייל

breslevcity.co.il

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט פוּן צַדִיקִים: אַז נָאר דֶער גוּף אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין גָלוּת, אָבֶּער דִי נְשָׁמָה אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען אִין גָלוּת.

דֶערְפַאר אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער גַאנְצֶער מַחְשָׁבָה אִיז אִים נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַלֶעס וָואס עֶר טוּט, טוּט עֶר נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז זַיין לֶעבְּן אַן אַנְדֶער סָארְט לֶעבְּן, אוּן אֲפִילוּ אַז אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט קוּמְט פַאר אִינְדְרוֹיסְן אַלֶע זַאכְן וָואס אִיז פַארְקֶערְט פוּן דִי קְדוּשָׁה, פַארְקֶערְט פוּנֶעם שֵׂכֶל, רִירְט דָאס אִים גָארְנִישְׁט, אָבֶּער צוּ הַאלְטְן בַּיי דֶעם אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (הִלְכוֹת דֵעוֹת פֶּרֶק ו, הֲלָכָה א): דֶער סֵדֶר פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז, אַז עֶר וֶוערְט נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ זַיינֶע שְׁכֵנִים אוּן חֲבֵרִים. דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוּן גוּט וִויסְן: וֶוער זֶענֶען מַיינֶע חֲבֵרִים, אוּן וֶוער קֶען אוֹיף מִיר מַשְׁפִּיעַ זַיין. וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן מֶען קֶען אַזוֹי אִיבֶּערְגֶערֶעדְט וֶוערְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים אוּן פַאלְטְשֶׁע דֵיעוֹת, אַז מֶען וֶוערְט אָפְּגֶערִיסְן רַחֲמָנָא לִצְלָן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, וָואס דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער גָלוּת, וַוייל אַז

breslevcity.co.il

אײנער איז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה און גָארְנִישְׁט קֶען אִים אַוֶועק נֶעמֶען פון בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט ער גָארְנִישְׁט מִיט אַן אַנְדֶערְן, מְמֵילָא איז בַּיי אִים נִישְׁט שַׁיָיךְ קַיין גָלוּת.

און מֶען זֶעהְט טַאקֶע ווִי אַזוֹי אִידְן הָאבְּן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג דֶערְהַאלְטְן אִין אַלֶע דוֹרוֹת, כָּאטְשִׁיג עֶס איז אַרִיבֶּער אויף זֵיי בְּמֶשֶׁךְ דִי צְוֵויי טוֹיזְנְט יָאר בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע גָלוּת׳ער, און דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם הָאבְּן שְׁטֶענְדִיג שְׁוֶוער גֶעמַאכְט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, און גֶעטוּהְן אַלֶע מִינֵי רִשְׁעוּת און גְזֵירוֹת, איז דָאס נָאר גֶעוֶוען וַוייל אִידְן הָאבְּן שְׁטֶענְדִיג אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין זִיךְ דִי ׳אֱמוּנָה׳, און גֶע׳חַזֶר׳ט (דְבָרִים ד, לה): **אַתָּה הָרְאֵתָ לָדַעַת כִּי הֲוָיָ״ה הוּא אֱלוֹקִים אֵין עוֹד מִלְבַדּוֹ**, עֶס איז נָאר דָא דֶער בַּאשֶׁעפֶער, און אוֹיסֶער אִים איז גָארְנִישְׁט דָא. אָבֶער צוּ דֶעם אַלֶעם איז מֶען זוֹכֶה נָאר וֶוען מֶען הַאלְט זִיךְ צְוִוישְׁן עֶרְלִיכֶע אִידְן, וָואס דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט מֶען נִמְשָׁךְ נָאךְ דִי אֱמוּנָה, אָבֶער אוֹיבּ גֵייט מֶען חָלִילָה וְחַס צוּ קַלִים וְרֵיקִים וּפוּחֲזִים איז זֵייעֶר בִּיטֶער, וַוייל זֵיי קֶענֶען זֵייעֶר גְרִינְג אַרָאפּ שְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ.

breslevcity.co.il

ג.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (עַיֵין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ הֲלָכָה ז, אוֹת נב; שְׁלוּחִין הֲלָכָה ה, אוֹת יז; נְזִיקִין הֲלָכָה ד, אוֹת כז): **חָסִיד שֶׁנָּפַל גָּרוּעַ מִמְּשׁוּמָּד** - אַ חָסִיד וָואס אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִיז עֶרְגֶער פוּן אַ 'מְשׁוּמָּד'.

כְּדֵי דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין מִיטְן שֵׂכֶל ווִי אַזוֹי דָאס קֶען זַיין, מִיר וֵוייסְן דָאךְ אַז אַ מְשׁוּמָּד אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ, וַוייל עֶר גֵייט אִינְגַאנְצְן אַרוֹיס פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן מה): פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי 'שַׁבָּת' אִיז דִי מִיטְל-פּוּנְקְט פוּן דִי זֶעקְס טֶעג פוּן דִי וָואךְ וָואס אִיז אַרוּם אִיר, דָאס הֵייסְט, עֶס אִיז דָא דְרֵיי טֶעג פַאר שַׁבָּת: מִיטְוָואךְ דָאנֶערְשְׁטִיג אוּן פְרַייטִיג, אוּן דְרֵיי טֶעג נָאךְ שַׁבָּת: זוּנְטָאג מָאנְטָאג אוּן דִינְסְטָאג, וַוייל אַלֶע טֶעג דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם שַׁבָּת, וָואס פוּן שַׁבָּת קוּמֶען אַלֶע הַשְׁפָּעוֹת פַאר דִי גַאנְצֶע וָואךְ (זֹהַר יִתְרוֹ, פח ע"א). דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז דִי 'נְשָׁמָה' פוּן אַ אִיד דִי מִיטְל-פּוּנְקְט פוּן דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה, אוּן אַרוּם דִי נְשָׁמָה פוּן אַ אִיד דְרֵייט זִיךְ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, [אַזוֹי ווִי מֶען זֶעהְט אַז דִי גוֹיִם וֶוערְן מְשׁוּגָּע פוּן יֶעדְן אֵיינְצִיגְן אִיד], דֶערְפַאר - פִּירְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי

breslevcity.co.il

אוּיס – װילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ אִיז נָאךְ אִינֶעװֵײנִיג אִינֶעם 'עִיגוּל'-רִינְג, עֶר הָאט נָאךְ זַײן אִידִישֶׁע נְשָׁמָה, הָאט עֶר אַ הָאפֶענוּנְג אַלֶעס צוּ פַארֶעכְטְן, אָבֶער אוֹיבּ הָאט עֶר זִיךְ גֶע'שְׁמַד'ט אוּן עֶר אִיז אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען פוּנֶעם עִיגוּל רַחֲמָנָא לִצְלָן, הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט קַײן שַׁײְכוּת מִיט כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רז): דִי מַעֲשֶׂה פוּן שַׁ"ץ יִמַּח שְׁמוֹ הָאט אִים גֶעמַאכְט צְוֵויי לֶעכֶער אִין הַארְץ. אוּן װֶעגְן דֶעם אִיז עֶר נִפְטָר גֶעוָוארְן; וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶעהְן ווי דִי פְרַאנְקִיסְטְן יִמַּח שְׁמָם וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן נָאכְפָאלְגֶערְס פוּן שַׁ"ץ יִמַּח שְׁמוֹ, הָאבְּן נֶעבֶעךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעלָאזְט אִידִישְׁקֵייט, הָאט דָאס דֶעם בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן (עַיֵין הֵיכַל הַבְּרָכָה (קָאמַארְנָא), כִּי תָבֹא כח, נז): וִוילַאנְג דִי אֵיבָרִים פוּן אַ מֶענְטְשׁ זֶענֶען בַּאהָאפְטְן צוּ זַיין גוּף, אִיז נָאךְ דָא אַ הָאפֶענוּנְג דָאס צוּ פַארֶעכְטְן, אָבֶער אֵיינְמָאל אַז מֶען הָאט שׁוֹין אָפְּגֶעשְׁנִיטְן דֶעם אֵיבָר, וָואס קֶען מֶען שׁוֹין טוּהְן ? !

דָאס מֵיינְט, כָּל זְמַן אַ אִיד הַאלְט זִיךְ צוּזַאמֶען מִיט אִידְן, הָאט עֶר אַ הָאפֶענוּנְג, אָבֶער אוֹיבּ עֶר הָאט זִיךְ רַחֲמָנָא לִצְלָן אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעלָאזְט פוּן אִידִישְׁקֵייט, אִיז אוֹיף אִים אַ בִּיטֶערֶע

breslevcity.co.il

רַחֲמָנוּת. אוֹיב אַזוֹי ווי קֶען זַיין אַז אַ ׳חָסִיד שֶׁנָּפַל׳ אִיז עֶרְגֶער פוּן אַ מְשׁוּמָד?!

נָאר אַז אַ ׳מְשׁוּמָד׳ קוּמְט רֶעדְן קֶעגְן בַּאשֶׁעפֶער אוּן קֶעגְן דִי תּוֹרָה אוּן מִצְווֹת, כַּאפְּט מֶען אִים אָן אוּן מֶען וַוארְפְּט אִים גְלַייךְ אַרוֹיס, קֵיינֶער הֶערְט אִים בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיס, אָבֶער אַ ׳חָסִיד שֶׁנָּפַל׳ דָאס הֵייסְט אֵיינֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אָבֶער עֶר אִיז אָפְּגֶעקִילְט גֶעוָוארְן, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע סַכָּנָה, אוּן דִי מֶערְסְטֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט, וַוייל מֶען וֵוייסְט דָאךְ נִישְׁט ווי אַזוֹי זִיךְ צוּ הִיטְן פוּן אַזַא אֵיינֶעם, עֶר זָאגְט: אִיךְ פָאר אוֹיךְ אוֹיף אוּמַאן! אִיךְ בִּין אוֹיךְ אַ חָסִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן! אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט אָבֶער נִישְׁט אַז אִין הַארְצְן אִיז עֶר גוּט אָפְּגֶעקִילְט רַחֲמָנָא לִצְלָן. וַוייל אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאט מֶען מוֹרָא׳דִיגֶע בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת זִיךְ צוּ הַאלְטְן בַּיים צַדִיק אוּן בַּיי דִי קְדוּשָׁה, דֶערְפַאר בַּיים אָנְפַאנְג הָאט עֶר טַאקֶע גֶעבְּרֶענְט, אַזוֹי ווי דֶער חוֹבַת הַלְבָבוֹת זָאגְט: אֵין חֲסִידוּת כִּתְחִילָתוֹ; וַוייל עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעוֶוען אִין אַ שְׁטַארְקֶע פִינְסְטֶערְנִישׁ, אוּן פְּלוּצְלִינְג הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן אַ סֵפֶר׳ל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין וָואס פַארְשְׁטֵייט אִים, אוּן רֶעדְט צוּ אִים, אוּן עֶר טְרֶעפְט זִיךְ מַמָּשׁ אִינֶעם גַאנְצְן סֵפֶר, דֶערְפַאר אִיז עֶר זִיךְ

breslevcity.co.il

מוֹרָא׳דיג מְחַיֶה, און עֶס גֵייט אַרַיין אִין אִים אַ אוֹיסֶערְגֶעוֶוענְלִיכֶע תְּשׁוּקָה און בְּרֶען אִינֶעם רֶבִּינְ׳ס זַאךְ, סְפֶּעצְיֶעל אוֹיבּ עֶר הָאט שֵׂכֶל און עֶר אִיז מְקַיֵים וָואס עֶר זֶעהְט אִינֶעם סֵפֶר, און עֶר הֵייבְּט אָן צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיטְן תַּרְגוּם יֶעדְן טָאג, וָואס אַזוֹי אַרוּם אִיז עֶר מַעֲבִיר סִדְרָה פוּן זוּנְטָאג בִּיז פְרַייטִיג דִי גַאנְצֶע סִדְרָה יֶעדֶע וָואךְ, אַזוֹי אוֹיךְ מִיט לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת און גְמָרָא, עֶר הֵייבְּט אָן צוּ לֶערְנֶען פֶּרֶק נָאךְ פֶּרֶק, בְּלַאט נָאךְ בְּלַאט אִין דִי רַייעֶ, מַמָשׁ אַ מְחַיֶה !

עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז עֶר קֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען, און אַז עֶר הָאט אוֹיךְ שַׁיְיכוּת מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, און דוּרְךְ דֶעם ׳סֵפֶר׳ אִיז עֶר גֶעוָואר גֶעוָוארְן אַ זִיסֶע און גְרִינְגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר קֶען אוֹיךְ מַצְלִיחַ זַיין צוּ לֶערְנֶען, און אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל עֶר זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה, וָואס דָאס קֶען עֶר בַּאוַוייזְן, מְמֵילָא עֶנְדִיגְט עֶר אֵיין מַסֶכְתָּא נָאכְן אַנְדֶערְן בִּיז עֶר עֶנְדִיגְט גַאנְץ שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אַזוֹי אוֹיךְ נָאכְדֶעם גַאנְץ שַ״ס, ד׳ חֶלְקֵי שֻׁלְחָן עָרוּךְ, און אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אִיז עֶר אוֹיךְ זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען זֹהַר מִיט תִּקוּנִים וְכוּ׳.

breslevcity.co.il

אָבֶּער אוֹיף דֶעם אִיז דָא מוֹרָא׳דִיגֶע נִסְיוֹנוֹת, עֶרְשְׁטֶענְס: נִישְׁט יֶעדֶער הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם אָנְפַאנְג אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף, נָאר עֶר הָאט סְתַּם גֶעבְּרֶענְט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע בְּרֶען, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן קנח): מֶען זֶעהְט אַסַאךְ מָאל אוֹיפְן וַואסֶער אַ פְלַאם פַייעֶר, אוּן וֶוען מֶען גֵייט צוּ, זֶעהְט מֶען אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, אִיז דָא אַמָאל אַז אַ מֶענְטְשׁ בְּרֶענְט פְלוּצְלִינְג זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער עֶס הַאלְט זִיךְ נִישְׁט אוּן עֶס בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן; וַוייל וֶוען מֶען וִויל עֶס זָאל שַׁיין בְּרֶענֶען אַ פְלַאם, מוּז מֶען הָאבְּן אוֹיל מִיט אַ קְנוֹיטְל, אָבֶּער אוֹיב מַאכְט מֶען אַ פַייעֶר אָן דֶעם, לֶעשְׁט זִיךְ דָאס אוֹיס נָאךְ אַפָּאר סְקוּנְדֶעס.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וֶוער עֶס וִויל זַיין אַ עֶרְלִיכְן אִיד אוּן זַיין מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּין דַארְף עֶר הָאבְּן דִי קְנוֹיטְן מִיט דִי אוֹיל, וָואס דָאס אִיז ׳תּוֹרָה׳ אוּן ׳תְּפִילָּה׳, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר לַייכְטְן אוּן בְּרֶענֶען מִיט זַיין הִתְקַרְבוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּין, אוּן זַיין בְּרֶען וֶועט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל פַארְלֶעשְׁן.

אָבֶּער אֲפִילוּ מֶען הָאט יָא גוּט אָנְגֶעהוֹיבְּן, דַארְף מֶען אוֹיךְ הָאבְּן חִזּוּק זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן

breslevcity.co.il

אַוועקגעשלעפּט פון די וואס מאכן לֵיצָנוּת, אַזוי ווי דער הייליגער רבי פּאַרציילט ביי די מַעֲשֶׂה פון **אֲבֵדַת בַּת מֶלֶךְ** (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה א): אַז דער 'שֵׁנִי לְמֶלֶךְ' האט געטראָפן אַ גרויסע מענטש מיט אַ הויכן בוים פון אַסאך צווייגן, און ער האט אים געפרעגט: וואו גייסטו? וואס זוכסטו? זאגט ער אים: 'אַ גאָלדענעם באַרג מיט אַ פּערלענעם שלאָס'. זאָגט אים דער גרויסער ווילדער מענטש: עס איז נישט דאָ אַזאַ זאַך, מען האט דיר אַ נאַרישקייט אַיינגערעדט! אַז דו ווילסט מיך פאָלגן, לאָז דיך אָפּ און קער דיך צוריק, ווייל דו וועסט דאָס זיכער נישט טרעפן, עס איז נישט דאָ אַזאַ זאַך אויף דער וועלט; דער גרויסער בוים גייט אַרויף אויף אַ גרויסער צדיק וואס איז אַ מְפוּרְסָם, ווייל ער האט מיט זיך אַסאך מענטשן וואס זיי זענען די צווייגלעך און בלעטלעך, ער קומט מיר זאָגן: מען האט דיר אַ נאַרישקייט אַיינגערעדט!

אָבער דער שֵׁנִי לְמֶלֶךְ [וואס איז מְקוּרָב צום צדיק אֱמֶת, און ער וויל זיין אַן ערליכער איד], האט זיך נישט געלאָזט, און ער האט געזאָגט: עס איז בְּוַודַאי יאָ דאָ! [איך קען זיכער אויך ווערן אַן ערליכער איד,] האט דער גרויסער מענטש געזעהן אַז ער געט נישט אויף און ער האלט זיך שטאַרק,

הָאט ער אִים גֶעזָאגְט: לוֹיט מַיין שֵׂכֶל זָאג אִיךְ דִיר, אַז מֶען הָאט דִיר אַ נַארִישְׁקֵייט אַיינְגֶערֶעדְט, נָאר וִויבַּאלְד אִיךְ זֶעה אַז דוּ עַקְשָׁנ׳סְט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק, גֶעב אִיךְ דִיר אַן עֵצָה, אִיךְ הָאבּ אַ בְּרוּדֶער גֵיי צוּ אִים אֶפְשָׁר וֶועט ער דִיר הֶעלְפְן, אִיז ער גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער, בִּיז ער הָאט גֶעטְרָאפְן נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע מֶענְטְשׁ, וָואס הָאט גֶעטְרָאגְן אוֹיף זִיךְ נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע בּוֹים מִיט הוּנְדֶערְטֶער צְוַוייגְן אוּן טוֹיזֶענְטֶער בְּלֶעטְלֶעךְ, אוּן ער הָאט אִים אוֹיךְ גֶעזָאגְט: מֶען הָאט דִיר אַ נַארִישְׁקֵייט אַיינְגֶערֶעדְט.

דָאס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף יֶעדְן מֶענְטְשׁ, וָואס ווִיל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַז אַלֶע פַאלְשֶׁע פָאפֶּערְס רֶעדְן אִים אָפּ, אוּן זֵיי זָאגְן אִים: בִּיסְט אַ בַּעַל דִמְיוֹן! מֶען הָאט דִיר אַ נַארִישְׁקֵייט אַיינְגֶערֶעדְט! עֶס אִיז נִישְׁט פַאר דִיר! וְכוּ׳ וְכוּ׳. נָאר אֲפִילוּ וֶוען ער גֵייט שׁוֹין יָא דוּרְךְ דִי אַלֶע אָפְּרֶעדֶענִישְׁן אוּן ער אִיז שׁוֹין יָא אִין בְּרֶסְלֶב, קוּמְט אֵיינֶער פוּן אִינֶעוֵויינִיג אָנְגֶעטוּהְן מִיטְן גַאנְצְן חֲסִידִישְׁן לְבוּשׁ, וָואס ער אִיז שׁוֹין אָבֶּער אָפְּגֶעקִילְט, אוּן ער קוּמְט אָפְּרֶעדְן: עֶס וֶועט דִיר נִישְׁט גֵיין! דָאס אִיז שׁוֹין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע נִסָּיוֹן, וַוייל עֶס זֶעהְט אוֹיס וִוי ער אִיז אַן אֵייגֶענֶער, הָאט ער רַחֲמָנָא לִצְּלָן אַ מוֹרָא׳דִיגְן כֹּחַ

breslevcity.co.il

אָפְּצוּקִילְן אַנְדֶערֶע, אוּן אַז עֶר קוּמְט זָאגְן: וָואס הָאסְטוּ צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער? וֶוער הֶערְט דִיךְ דֶען צוּ? אוּן כָּל שֶׁכֵּן אַז עֶר מַאכְט חוֹזֶק פוּן זַיין לֶערְנֶען, מִיטְן אוֹיסְרֵייד: דָאס הֵייסְט דֶען גֶעלֶערְנְט? מֶען דַארְף דָאךְ לֶערְנֶען בְּעַמְקוּת אוּן פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס, אוּן אוֹיב מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט הֵייסְט דָאס נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, אוּן עֶר לֵייגְט דָאס אַרָאפּ מִיט אַלֶע טַעֲמִים, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַז דָאס אִיז דֶער שָׂטָן אַלֵיינְס, אוּן עֶר הֶערְט טַאקֶע אוֹיף צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, בִּיז עֶס פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר פַאלְט אִינְגַאנְצְן אַוֶועק רַחֲמָנָא לִצְלָן. וֶועגְן דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: אַ 'חָסִיד שֶׁנָפַל' אִיז עֶרְגֶער פוּן אַ מְשׁוּמָד

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל אוֹיף אֶרֶץ-יִשְׂרָאֵל תשכ"ו אִינֶעם בְּרֶסְלֶבְ'ן שׁוּל, הָאט מִיר הָרַב הַחָסִיד רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק זצ"ל גֶעזָאגְט: וֶוען דוּ גֵייסְט אַרַיין אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ זָאלְסְטוּ דִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ הָאבְּן צוּטוּהְן מִיט זֵיי, כְּדֵי דוּ זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין חֲלִישַׁת הַדַעַת אוּן וֶוערְן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, אוּן עֶר הָאט מִיר דֶעמָאלְטְס אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט דִי שִׂיחָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין: 'חָסִיד שֶׁנָפַל גָרוּעַ מִמְשׁוּמָד' [בָּרוּךְ

breslevcity.co.il

הַשֵּׁם אַדַאנְק דָאס לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים אַזוֹיפִיל מָאל, בִּין אִיךְ שׁוֹין סַיי ווִי גֶעוֶוען גֶענוּג שְׁטַארְק].

ווֶעגְן דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ מוֹרָא׳דִיג אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מֶענְטְשְׁן, אוּן ווִיסְן דֶעם כְּלַל: אִיז עֶר מִיר מְקַרֵב אוּן מְחַזֵק, וואוֹיל אִיז אִים אוּן וואוֹיל אִיז זַיין חֵלֶק, אוּן אִיךְ בִּין דָאס גְרֵייט אָנְצוּנֶעמֶען, אָבֶּער אוֹיבּ ווִיל עֶר מִיךְ צוּבְּרֶעכְן זָאל עֶר גֵיין פוּן וואוּ עֶר אִיז גֶעקוּמֶען. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט בַּאֲרִיכוּת (חַיֵי מוֹהֲרַ״ן סִימָן צא): בַּיי דִי מַעֲשֶׂה ווֶען אַלֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן אִים אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אוּן עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן בְּלוֹיז מִיט פִינֶעף מֶענְטְשְׁן, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט זֵיי אִין וַואלְד, בִּיז עֶר הָאט אַלֶעס פַארְגֶעסְן וְכוּ׳, פְּלוּצְלִינְג עֶפֶּענְט זִיךְ אוֹיף דִי הִימְל, עֶס קוּמְט אַרָאפּ אַן אַלְטֶער מֶענְטְשׁ מִיט אַ סֵפֶר אִין דִי הַאנְט, אוּן עֶר זָאגְט אִים מוּסָר: דוּ שֶׁעמְסְט זִיךְ נִישְׁט, דֶעם בַּעַל שֵׁם הַקָדוֹשׁ׳ס אֵיינִיקְל זָאל אַזוֹי אוֹיסְזֶעהְן ווִי דִיר, אוּן אַזַאנְס טוּהְן?! הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן אַזוֹי: אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אִיר קוּמְט מִיר מְחַזֵק זַיין, אָבֶּער אַז אִיר קוּמְט מִיר צוּבְּרֶעכְן, גֵייטְס! גֵייטְס! אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי שְׁטַארְק, אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ

breslevcity.co.il

אוֹיסְגֶעדְרוּקְט: וֶוען אֵיינֶער וָואלְט חָלִילָה וְחַס עוֹבֵר גֶעוֶוען אַכְט הוּנְדֶערְט מָאל אוֹיף דִי תּוֹרָה אוּן עֶר וָואלְט אַזוֹי גֶעוֵויינְט, וָואלְט מֶען אִים אַלֶעס מוֹחֵל גֶעוֶוען.

פוּן דִי מַעֲשֶׂה זֶעהְט מֶען וִוי וַוייט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מְחַזֵק זַיין, אַז אֲפִילוּ עֶס עֶפֶענְט זִיךְ אוֹיף דִי הִימְל, אוּן עֶס קוּמְט אַרָאפּ אַן אַלְטֶער מֶענְטְשׁ מִיט אַ צוּרָה מַמָשׁ פוּן אַ מַלְאָךְ, אוּן עֶר וִויל מִיךְ צוּבְּרֶעכְן, טָאר מֶען אוֹיךְ נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן, וַוייל "אַ אִיד אִיז אַזוֹי חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אֲפִילוּ עֶר זָאל זַיין אִין דִי עֶרְגְסְטֶע מַצָב קֶען עֶר אוֹיךְ תְּשׁוּבָה טוּהְן".

חַזַ"ל זָאגְן (פְּסָחִים פו ע"ב): **כָּל מַה שֶׁבַּעַל הַבַּיִת אוֹמֵר לְךָ עֲשֵׂה, חוּץ מִצֵא** - אַלֶעס וָואס מֶען וֶועט מִיר הֵייסְן וֶועל אִיךְ טוּהְן, אוֹיסֶער אַרוֹיס גֵיין; דָאס הֵייסְט, אַ אִיד דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק, אַז אֲפִילוּ יֶעדֶער רֶעדְט אוֹיף אִים, מֶען טְרַייבְּט אִים אַרוֹיס אוּן עֶר הָאט חֲלִישׁוּת הַדַעַת, זָאל עֶר בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפָן נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, נָאר זִיךְ צוּרִיק אַרַיינְשְׁטוּפְּן בַּיי דִי קְדוּשָׁה, מְמֵילָא וֶועט עֶר הָאבְּן אַ תַּקָנָה, אֲפִילוּ עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען מַמָשׁ אִינְדְרוֹיסְן פוּן דִי קְדוּשָׁה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

breslevcity.co.il

אִין דִי צַייטְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן אַפְּטֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט גֶעוואוֹינְט אִין אַ שְׁטֶעטְל לֶעבְן אַפְּטָא אַ מְשׁוּמָד, וָואס מֶען הָאט פוּן אִים גֶעלִיטְן מוֹרָא׳דִיגֶע צָרוֹת, וְוִיבַּאלְד עֶר אִיז דָאךְ גֶעקוּמֶען פוּן אִינֶעוֵוינִיג און הָאט גֶעקֶענְט אַלֶע אִידִישֶׁע מִנְהָגִים, הָאט עֶר גֶעקֶענְט גוּט פַאר׳מַסְרְ׳ן פַאר דִי גוֹיִם, און מֶען הָאט אִים גֶעגְלֵייבְּט וַוייל עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען פוּן זֵייעֶרֶע [און פוּן אַזַאלֶעכֶע פַארְשׁוֹינֶען הָאט מֶען שְׁטֶענְדִיג דִי מֶערְסְטֶע גֶעלִיטֶען].

הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט דֶעמָאלְטְס אַז אַ שִׁיקְסֶע וָואס הָאט גֶעאַרְבֶּעט בַּיי אַ אִיד אִיז נֶעלָם גֶעוָוארְן, און וִוי עֶס פַארְשְׁטֵייט זִיךְ הָאט מֶען גֶעמַאכְט אַ בְּלוּט-בִּלְבּוּל אוֹיף דִי אִידְן אַז מֶען הָאט אִיר גֶע׳שָׁחְטְ׳ן און אַרַיין גֶעלֵייגְט דִי בְּלוּט אִין דִי מַצוֹת וְכוּ׳, און בַּיים זִיצוּנְג מִיטְן צַאר און אַלֶע מִינִיסְטָארְן, הָאט מֶען פָארְגֶעשְׁלָאגְן אַ בִּיטֶערֶע גְזֵירָה: מֶען זָאל אַרוֹיסְוַוארְפְן אַלֶע אִידְן חַס וְשָׁלוֹם, און וֶועם מֶען קֶען הַרְגֶ׳עְנֶען וֶועט מֶען הַרְגֶ׳עְנֶען, דֶער מְשׁוּמָד וָואס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ מִינִיסְטֶער אִיז דָארְט גֶעוֶוען, און וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען זַיין רֵייעֶ צוּצוּשְׁטִימֶען צוּ דִי בִּיטֶערֶע גְזֵירָה, הָאט פַּאסִירְט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, עֶס הָאט זִיךְ פְּלוּצְלִינְג

breslevcity.co.il

עֶרְוֶועקְט אִין אִים דָאס פִּינְטֶעלֶע אִיד, אוּן דָארְט בַּיים פַּארְלַאמֶענְט פוּנֶעם צַאר הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט: אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט בִּיז יֶעצְט אוֹיף דִי אִידְן אִיז אֱמֶת, אָבֶּער נִישְׁט דָאס! אִידְן לֵייגְן נִישְׁט אַרַיין קַיין בְּלוּט אִין דִי מַצוֹת! וַוייל זֵיי טָארְן נִישְׁט עֶסְן קַיין בְּלוּט. אוּן מֶען הָאט אָנְגֶענוּמֶען זַיינֶע וֶוערְטֶער וַוייל מֶען הָאט אִים גֶעגְלֵייבְּט, אוּן גוּט גֶעוואוּסְט זַיין שִׂנְאַת יִשְׂרָאֵל, מְמֵילָא זֶענֶען דִי אִידְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן דִי בִּיטֶערֶע גְזֵירָה דוּרְךְ אִים.

אוּן דוּרְךְ דִי גְרוֹיסֶע זְכוּת פוּן דִי מִצְוָה, אִיז אַרַיין אִין אִים אַ מוֹרָא׳דִיגֶע הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט תְּשׁוּבָה טוּהְן, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאבְּן אִידְן זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט פוּן אִים, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מָסוּר אוּן גֶערֶעדְט כָּל דָבָר אָסוּר אוֹיף אִידְן, אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט הָאבְּן מִיט אִים קַיין שַׁייְכוּת, אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן אַפְּטֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ עֶר זָאל אִים וַוייזְן וִוי אַזוֹי תְּשׁוּבָה צוּ טוּהְן, אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער אַפְּטֶער רָב הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַז עֶר גֵייט שׁוֹין דָא מַאכְן עֶפֶּעס אַ בִּלְבּוּל אוֹיף אִים, הָאט עֶר אִים אַוֶועק גֶעשִׁיקְט אוּן אִים גֶעזָאגְט: אִיךְ בִּין שׁוֹין צוּ אַלְט, לָאזְט מִיר אָפּ. הָאט עֶר גֶעזָאגְט: נֵיין רֶבִּי, אִיךְ וִויל תְּשׁוּבָה טוּהְן! הָאט

breslevcity.co.il

דֶער הֵיילִיגֶער אַפְּטֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טְרַאכְטְן, וֶוער וֵוייסְט צוּ עֶר וִויל פוּן דֶעם אַלֵיין מַאכְן אַ בִּלְבּוּל, אַז דֶער רַבִּין הָאט מִיר צוּגֶערֶעדְט אִיךְ זָאל אִיבֶּער לָאזְן יָאשְׁקֶע אוּן צוּרִיק וֶוערְן אַ אִיד. הָאט עֶר אִים שְׁטֶענְדִיג אַוֶועק גֶעשְׁטוּפְּט, בִּיז דֶער מְשׁוּמָד הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר צוּ וֵויינֶען: רֶבִּי ! אִיךְ וִויל תְּשׁוּבָה טוּהְן... אוּן נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער אַפְּטֶער רָב אִים גֶעגֶעבְּן אַפָּאר הַנְהָגוֹת וִוי אַזוֹי עֶר זָאל זִיךְ פִירְן, אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן צוּ דֶעם רָב וואוּ עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִים, אוּן אִים אוֹיסְלֶערְנֶען וָואס עֶר הָאט צוּ טוּהְן. אוּן עֶר הָאט אַוַודַאי תְּשׁוּבָה גֶעטוּהְן, בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן גָאר אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל תְּשׁוּבָה. זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אֲפִילוּ אַ מְשׁוּמָד קֶען זִיךְ אִין אִים אָנְצִינְדְן דִי נְקוּדַּת הַיַּהֲדוּת - דָאס פִּינְטֶעלֶע אִיד, אוּן מֶען קֶען אִים אוֹיךְ צוּרִיק בְּרֶענְגֶען.

מֶען זֶעהְט בְּלִי עַיִן הָרַע וִויפִיל מֶענְטְשְׁן קוּמֶען בָּרוּךְ הַשֵּׁם רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן כֵּן יִרְבּוּ, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אַז מֶען וֶועט נָאכְקוּקֶען וִויפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּין מִיט אַ סִיוּם, וָואס פַאר הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק הָאט מֶען גֶעוואוּסְט אַז מֶען קוּמְט יֶעדֶעס

breslevcity.co.il

יאר צום רבין מיט א מתנה - א סיום, און מען זאגט פארן הייליגן רבין: רבי! צוליב אייך האב איך געענדיגט ד' חלקי שלחן ערוך [די מתנה האט כמעט יעדער איינער געברענגט], און דער זאגט: רבי! אין אייער זכות האב איך געענדיגט משניות, און דער האט געברענגט גאנץ ש"ס צום הייליגן רבין פאר א מתנה, און דער איין מסכתא וכו', און אזוי יעדער מיט זיין סיום לויט זיינע כחות, אבער ליידער צוליב די 'חסידים הנפולים' וואס מאכן דאס אוועק און מאכן ליצנות דערפון, אז עס הייסט נישט געלערנט וכו' וכו', קען מען נאכקוקען וויפיל פראצענט מענטשן קומען צום הייליגן רבין ראש השנה מיט סיומים!! אזוי ווי דער הייליגער רבי אברהם דער זוהן פון רבי נחמן טולטשינער זכותו יגן עלינו שרייבט שוין אויך (כוכבי אור): רובם ככולם פון אנשי שלומנו אליין האבן אויך נישט קיין השגה אינעם רבין. דערפאר דארף מען זיך פון זיי די מערסטע היטן, און זיך נישט דערשרעקן פאר קיינעם, נאר זיין זייער שטארק מיט די התקרבות צום צדיק און פאלגן דעם הייליגן רבין בתמימות ובפשיטות.

דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט מיט דעם לשון: איך קען נישט פארליידן די מיט די ברייטע ארבעל, וואס עס

breslevcity.co.il

גִיסְט זִיךְ פוּן דָארְט אַרוֹיס כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת. [דִי חֲסִידִים ווִילְן נִישְׁט גֵיין מִיט קַיין קְנֶעפְּלֶעךְ אוֹיף דִי הֶעמְד, גֵייעֶן זֵיי מִיט בְּרֵייטֶע עֶרְמְל,] וַוייל אֲפִילוּ עֶר קוּקְט אוֹיס ווִי אַ חַסִידִ'ישֶׁער אִיד מִיטְן גַאנְצְן גֶעשְׁטֶעל, אָבֶּער אוֹיבּ גֵייט עֶר צוּ צוּ אַ בָּחוּרְ'ל – וָואס עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין יָא גֶענוּמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן עֶר זִיצְט אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ אוּן זָאגְט פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן בְּלֶעטֶער גְמָרָא מִיט אַ חֵשֶׁק אוּן פְלַייס – אוּן עֶר זָאגְט אִים: בָּחוּרְ'ל! דָאס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, אִיךְ בִּין שׁוֹין אַן אַלְטֶער אִיד, אִיךְ וֵוייס וָואס אִיךְ רֶעד! אוּן דוּרְכְדֶעם רַייסְט עֶר אִים אָפּ פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַנְשְׁטָאט דֶער אַלְטֶער אִיד אַלֵיין זָאל נִתְעוֹרֵר וֶוערְן עֶר זָאל כָאטְשׁ יֶעצְט אָנְהֵייבְּן דוּרְכְצוּגֵיין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אוּן שַׁ"ס, כְּדֵי עֶר זָאל דָאס כָאטְשׁ אֵיינְמָאל דוּרְכְגֵיין אִין זַיין לֶעבְּן, צוּבְּרֶעכְט עֶר נָאךְ אַן אַנְדֶערְן אוֹיךְ, אִיז דָאס דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ, וֶועגְן דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זִיךְ אַזוֹי שַׁארְף אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אוּן גֶעזָאגְט: חָסִיד שֶׁנָפַל גָרוּעַ מִמְשׁוּמָד. וַוייל אַז מֶען פַאלְט אַוֶועק פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, וֶוערְט דִי גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט אוּן פַארְפַאלְן, אוּן מֶען פַארְלִירְט דֶעם שֵׂכֶל,

breslevcity.co.il

און מֶען הֵייבְּט אָן נָאכְצוּמַאכְן דִי גוֹיִם מִיט זֵייעֶרֶע נַארִישְׁקֵייטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן.

ד.

דָאס זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי: וַוייל מֶען אִיז אוֹיסְגֶעמִישְׁט צְווִישְׁן גוֹיִם, און מֶען זֶעהְט אַז דֶער גוֹי אִיז מַצְלִיחַ, פְּרוּבִּירְט מֶען זֵיי נָאכְצוּמַאכְן מִיט זֵייעֶר לְבוּשׁ און שְׁפְּרַאךְ, בִּיז מֶען װֶערְט אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעקִילְט פוּן דִי אֶמוּנָה, און מֶען בַּאקוּמְט אַ גוֹי׳אִישְׁן קָאפּ וָואס דָאס אִיז אוּנְזֶער גָלוּת, אָבֶּער אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק מִיט זַיין אֶמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער און עֶר קוּקְט נָאר אוֹיף דִי הַשְׁגָחָה פוּן יֶעדֶע זַאךְ, און עֶר הָאט גָארְנִישְׁט מִיט אַ צְוֵוייטְן, דֶעמָאלְטְס אֲפִילוּ עֶר אִיז אוֹיסְגֶעמִישְׁט צְווִישְׁן גוֹיִם, קֶען עֶר זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק, און עֶר אִיז נִישְׁט אִין גָלוּת.

דֶערְפַאר אִין מִצְרַיִם וויבַּאלְד דִי אִידְן הָאבְּן גֶעהִיטְן דִי לְבוּשׁ און דֶעם לָשׁוֹן זֶענֶען זֵיי אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן, כָאטְשִׁיג זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעמִישְׁט צְווִישְׁן דִי נִידְרִיגְסְטֶע און גֶעמֵיינְסְטֶע פָאלְק וִוי דִי מִצְרִיִים (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ פַּרְשָׁה ז; אָבוֹת דְרַבִּי נָתָן פֶּרֶק כח).

## ה.

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי: וֶוען אַ אִיד קוּקְט וָואס וֶועט זַיין בַּיים סוֹף, וֶוען עֶס וֶועט זַיין דִי גְאוּלָה שְׁלֵמָה, וָואס דֶעמָאלְטְס וֶועט אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערְן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן יֶעדֶער וֶועט שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען עֶר אֲפִילוּ יֶעצְט שׁוֹין אַרַיינֶעמֶען אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה, אַז אַלֶעס אִיז נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער, וַוייל אִין אֱמֶת'ן אַרַיין אִיז אַלֶעס נָאר אֵיין שְׁטִיק בַּאשֶׁעפֶער, אוּן וָואס מֶען זֶעהְט פַאר דִי אוֹיגְן: **דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר** - עֶרְד אוּן שְׁטֵיינֶער, פֶעלְדֶער אוּן בֵּיימֶער, אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן, אַלֶע מֶענְטְשְׁן, אַלֶעס אִיז אַ לְבוּשׁ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר אַ מֶענְטְשׁ וֶועגְן זַיינֶע עֲבֵירוֹת וֶוערְט דָאס פַארְשְׁטֶעלְט פוּן אִים, אוּן עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן כב): **הַפֶּשַׁע שֶׁל הָאָדָם מַכְנִיס כְּפִירָה בָּאָדָם**, דִי עֲבֵירוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט, בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אִים כְּפִירוֹת, עֶר זָאל נִישְׁט שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְפַאר לֵייגְט מֶען אָן יֶעדֶע זַאךְ אִין: טֶבַע, מִקְרֶה, מַזָל, אָבֶּער בֶּאֱמֶת זֶענֶען אִידְן הֶעכֶער דִי טֶבַע.

breslevcity.co.il

וַוייל אִידְן הָאבְּן דִי כֹּחַ פוּן תְּפִלָּה, זַיי קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ אוּן אִים בֶּעטְן וָואס זֵיי ווילְן, דֶערְפַאר קֶענֶען זֵיי טוּישְׁן דִי טֶבַע, וַוייל: תְּפִלָּה מְשַׁנֶּה אֶת הַטֶּבַע, אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק אוּן עֶר רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער נָאךְ אוּן נָאךְ, עֶר לָאזְט נִישְׁט אָפּ, אֲפִילוּ עֶר שְׁפִּירְט נָאכְנִישְׁט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, וֶועט בַּיים סוֹף אַוֶועק גֵיין פוּן אִים דִי אַלֶע פַארְשְׁטֶעלֶענִישְׁן אוּן הַסְתָּרוֹת, אוּן עֶר וֶועט שְׁפִּירְן אַז עֶר אִיז מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער.

קוּמְט אוֹיס אַז אוֹיב מֶען הָאט דִי מַתָּנָה פוּן תְּפִלָּה, זֶעהְט מֶען מוֹרָא׳דִיגֶע נִסִים אוּן מוֹפְתִים, וַוייל אַלֶע נִסִים אוּן מוֹפְתִים אִיז מֶען מַמְשִׁיךְ דוּרְךְ תְּפִלָּה, אוּן דֶעמָאלְטְס פִירְט זִיךְ בַּיי אִים אַלֶעס מִיט הַשְׁגָּחָה אוּן נִישְׁט מִיט טֶבַע, וֶועגְן דֶעם זָאגְן חֲזַ״ל (מְגִילָּה כז ע״א) בַּיי אֱלִישָׁע הַנָּבִיא, אַז אַלֶע זַיינֶע מוֹפְתִים וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן, אִיז נָאר גֶעוֶוען אִין דִי זְכוּת פוּן תְּפִלָּה, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דֶעם כֹּחַ הָאט עֶר בַּאקוּמֶען פוּן זַיין רֶבִּין אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (כּוֹכְבֵי אוֹר, אַנְשֵׁי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן כג): וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין דִי מְעָרָה פוּן אֵלִיָּהוּ, הָאב אִיךְ מִיר אוֹיסְגֶעמָאלְן, ״אָט דָא אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אוּן

breslevcity.co.il

געהאט התבודדות". ווען דער הייליגער רבי נתן האט דאס געהערט איז ער זייער נתעורר געווארן און אויפגעפרישט געווארן, ווייל ער האט געטראכט צו זיך: אליהו הנביא איז דאך אויך געווען א מענטש דא אויף דער וועלט, און דורכן רעדן צום אייבערשטן האט ער זיך אזוי שטארק אויסגעארבעט ביז ער איז ארויף אין הימל לעבעדיגערהייט און ער איז געווארן א מלאך; און ער וועט אונז קומען מבשר זיין די גאולה.

ו.

ווען דעם איז די מנהג ביי אונז שטענדיג צו זאגן די 'הפטורה' פון 'וערבה' (מלאכי ג), אין 'שבת הגדול', וואס מען זאגט דארט (שם, פסוק כג): הנה אנכי שולח לכם את אליהו הנביא לפני בוא יום הוי"ה הגדול והנורא, איך גיי ענק שיקן אליהו הנביא וואס ער וועט מבשר זיין די גאולה; ווייל פסח ביינאכט האפן מיר אז אליהו הנביא וועט אונז קומען מבשר זיין די גוטע בשורה אז עס וועט שוין זיין די גאולה און משיח קומט שוין, און מען גרייט ספעציעל אן א פיינפטע כוס לכבוד אליהו הנביא, דערפאר זאגט מען שוין דעם פסוק שבת

breslevcity.co.il

הַגָדוֹל, וַוייל שַׁבָּת וֶוערְט שׁוֹין נִתְגַלֶה דִי אַלֶע לִיכְטִיגְקֵייטְן וָואס וֶועט זַיין אַ גַאנְצֶער וָואךְ.

וֶועגְן דֶעם וֶוערְט דִי שַׁבָּת אָנְגֶערוּפְן 'שַׁבָּת הַגָדוֹל', וֶועגְן דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס אִיז דֶעמָאלְטְס גֶעשֶׁעהְן, אַז דִי אִידְן הָאבְּן צוּגֶעבִּינְדְן דֶעם שֶׁעפְּסְל צוּם בֶּעט, אוּן דִי בְּכוֹרִים הָאבְּן מִלְחָמָה גֶעהַאלְטְן מִיט דִי מִצְרִיִים אוּן אוֹיסְגֶע'הַרְגֶ'עט פוּן זֵיי אָן אַ שִׁיעוּר; וַוייל וֶוען מֶען בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַ נֵס, וֶוערְט דָאס אָנְגֶערוּפְן 'גָדוֹל', אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְבָרִים ד, ז): כִּי מִי גוֹי 'גָּדוֹל' אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרֹבִים אֵלָיו כַּהֲוָיָ"ה אֱלֹקֵינוּ בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו, וואוּ אִיז נָאךְ דָא אַזַא 'גְרוֹיסֶע' פָאלְק וָואס הָאבְּן אַ גָאט וָואס הֶערְט אוֹיס זֵייעֶרֶע תְּפִילוֹת, אַזוֹי וִוי אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער וָואס הֶערְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיס וָואס מִיר בֶּעטְן. אוֹיךְ זָאגְט דֶער פָּסוּק בַּיי אֱלִישָׁע (מְלָכִים-ב ח, ד): סַפְּרָה נָּא לִי אֵת כָּל הַ'גְּדֹלוֹת' אֲשֶׁר עָשָׂה אֱלִישָׁע, דֶערְצֵייל מִיר דִי אַלֶע 'גְרוֹיסֶע' זַאכְן וָואס אֱלִישָׁע הָאט גֶעטוּהְן; אוּן אֱלִישָׁע הָאט אַלֶעס גֶע'פּוֹעֶל'ט מִיט תְּפִלָּה, וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַ גֶעדָאפֶּעלְטְן כֹּחַ פוּן זַיין רֶבִּין אֵלִיָּהוּ הַנָבִיא.

breslevcity.co.il

ז.

עֶס שְׁטֵייט פוּן צַדִיקִים אַ מוֹרָא׳דִיגְן טַעַם פַּארְוָואס מֶען הָאט צוּגֶעבִּינְדְן דֶעם שֶׁעפְּסֶעלֶע דַוְקָא צוּם בֶּעט, נָאר דִי מִצְרִיִים זֶענֶען גֶעוֶוען מוֹרָא׳דִיג פַּארְזִינְקֶען אִין עֶקְלְדִיגְקֵייט אוּן אִין שְׁמוּץ, מְמֵילָא הָאבְּן דִי אִידְן גֶעוָואלְט וַוייזְן אַז דֶעם שֶׁעפְּסְל וָואס מֶען גֵייט מַקְרִיב זַיין פַּארְן קָרְבָּן פֶּסַח, אִיז צוּגֶעבִּינְדְן צוּם בֶּעט, אוּן אִידְן הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ רֵיינֶעם בֶּעט, זֵיי הִיטְן טַהֲרַת הַמִשְׁפָּחָה, אוּן מֶען גֶעט אַכְטוּנְג אוֹיף טְבִילַת עֶזְרָא, אוּן מֶען פִירְט זִיךְ בִּקְדוּשָׁה, פוּן דֶעם זֶענֶען דִי מִצְרִיִים מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן, וַוייל דָאס קֶען אַ גוֹי אוֹיף קַיין שׁוּם פַאל נִישְׁט בַּאוַוייזְן.

וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף ׳טַהֲרַת הַמִשְׁפָּחָה׳, אַזוֹי ווִי דִי גְמָרָא פַּארְצֵיילְט (שַׁבָּת יג ע״א): אַ פְּרוּי אִיז אַרוּם גֶעגַאנְגֶען צוּ אַלֶע חֲכָמִים מִיט אַ טַעֲנָה: אִיר מַאן הָאט גֶעלֶערְנְט אַזוֹיפִיל תּוֹרָה אוּן גֶעטוּהְן אַזוֹיפִיל מִצְוֹת אוּן עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן אִינְגֶערְהֵייט, פַּארְוָואס אִיז זִיךְ דָאס אִים גֶעקוּמֶען?! אוּן קֵיינֶער הָאט אִיר נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן, בִּיז אֵלִיָהוּ הַנָבִיא אִיז אֵיינְמָאל אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אִיר, הָאט זִי זִיךְ צוּ אִים אוֹיסְגֶערֶעדְט אִיר צָרָה מִיט אִיר

breslevcity.co.il

טַעֲנָה, הָאט אִיר אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא פּוּנְקְטְלִיךְ אוֹיסְגֶעפְּרֶעגְט, בִּיז עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז אִין דִי שִׁבְעָה נְקִיִּים הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי מֶען דַארְף וְכוּ׳, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: בָּרוּךְ הַמָּקוֹם שֶׁהֲרָגוֹ, גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶר הָאט אִים גֶע׳הַרְגֶ׳עט. זֶעהְט מֶען וִוי וַוייט מֶען דַארְף זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי זַאכְן.

## ח.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן פח): **שַׁבָּת הַגָּדוֹל** אִיז דֶער טִישׁ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט; דָאס הֵייסְט, וִויבַּאלְד עֶס אִיז פַאר פֶּסַח, גֶעט יֶעדֶער אַכְטוּנְג עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן קַיין חָמֵץ אִין הוֹיז, אוּן מֶען עֶסְט עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ, דֶערְפַאר דַארְף מֶען אִין דֶעם שַׁבָּת מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ זַיין פְרֵיילֶעךְ וִוי יֶעדֶע שַׁבָּת, כָּאטְשִׁיג יֶעדֶע שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן יז): שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין מוֹרָא׳דִיג פְרֵיילִיךְ אוּן עֶסְן דִי סְעוּדוֹת מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע שִׂמְחָה; אָבֶּער דִי שַׁבָּת וִויבַּאלְד אַ מֶענְטְשׁ קֶען שְׁנֶעלֶער וֶוערְן נֶערְוֶועז, וַוייל מֶען דַארְף עֶסְן אִין קָאךְ אָדֶער אִין הָאל וְכוּ׳, אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעשְׁטוּפְּט, אוֹיךְ וַוייל מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט

breslevcity.co.il

אַרומְלוֹיפְן מִיט אַ שְׁטִיקְל חַלָּה וְכוּ׳ וְכוּ׳, מְמֵילָא דַארְף מֶען דֶעם שַׁבָּת מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְן וִוי אַ גַאנְץ יָאר עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת אִין שְׁטוּב נָאר זַיין פְרֵיילֶעךְ אוּן הָאבְּן גֶעדוּלְד, אוּן מֶען קֶען זִיךְ דָאס לֶערְנֶען פוּן דִי וַוייבּ אַז אֲפִילוּ זִי הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפְּלָאגְט אוּן גֶעמוּטְשֶׁעט דִי לֶעצְטֶע פָּאר וָואכְן אוּן נָאכְדֶעם טְרָאגְט אַ קִינְד אַרוּם חָמֵץ וְכוּ׳, דָאךְ דַארְף זִי הָאבְּן גֶעדוּלְד, אִיז דָאךְ אַוַודַאי אַז אַ מַאן דַארְף הָאבְּן גֶעדוּלְד זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְצוּרֶעגְן אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען שִׂמְחָה אוּן שָׁלוֹם אִין שְׁטוּב.

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ פְרוֹי זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן אַז זִי הָאט זִיךְ אָפְּגֶעמוּטְשֶׁעט אַפָּאר וָואכְן אוּן אַלֵיינְס אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט דִי שְׁטוּב לְכָבוֹד פֶּסַח, זִי הָאט נִישְׁט גֶעהַאט װער עֶס זָאל אִיר הֶעלְפְן, נָאכְדֶעם אִיז זִי גֶעגַאנְגֶען אַיינְקוֹיפְן אוּן זִי הָאט גֶעבֶּעטְן אִיר מַאן: גֶעב אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן עֶסְן נָאר אִינְדְרוֹיסְן נִישְׁט אִינֶעוֵוייניג, װען זִי אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען אַהֵיים, זֶעהְט זִי וִוי דִי קִינְדֶער זִיצְן מִיט קוּקִיס אוֹיפְן בֶּעט, [קֶען מֶען נִישְׁט צוּפְלַאצְט װערְן ? !] אוּן זִי הַאלְט דָאס מֶער נִישְׁט אוֹיס, זִי וִויל זִיךְ גֶטְ׳ן פוּן אִים. אַזוֹי יֶעדֶעס יָאר דִי צַייט מַאכְט זִיךְ אַזַאלֶעכֶע מַעֲשִׂיוֹת, וואו מֶען דַארְף צוּרִיק שְׁטֶעלְן

breslevcity.co.il

די שָׁלוֹם בַּיִת, אָבֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל דַארְף מֶען נִישְׁט קוּמֶען צוּ דֶעם. דֶערְפַּאר דַארְף מֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ זַיין דֶעם שַׁבָּת, אוּן מַאכְן אַ גוּטֶע הֲכָנָה אוֹיף פֶּסַח, וַוייל דִי גַאנְצֶע לֶעכְטִיגְקֵייט פוּן פֶּסַח בְּרֶענְגְט מֶען שׁוֹין אַרָאפּ דֶעם שַׁבָּת.

ט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַהֲרֹן קַארְלִינֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: וֶועגְן דֶעם וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן פֶּסַח בַּיינַאכְט: "דִי סֵדֶר נַאכְט", וַוייל אַזוֹי וִוי מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף דִי נַאכְט פוּנֶעם סֵדֶר, אַזוֹי וֶועט מֶען זִיךְ אוֹיפְפִירְן אַ גַאנְץ יָאר. וַוייל פֶּסַח בַּיינַאכְט אִיז יֶעדֶער אִיד זוֹכֶה צוּ אַ מוֹרָא'דִיגֶע לִיכְטִיגְקֵייט, וָואס דָאס אִיז אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ה): דֶער עִיקָר אִיז 'אֱמוּנָה', אוּן אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג נָאכְזוּכְן וִוי עֶר הַאלְט אִין אֱמוּנָה; וַוייל אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה הָאט מֶען אַלֶעס, אוּן חָלִילָה אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה הָאט מֶען גָארְנִישְׁט, אוּן אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה הָאט מֶען תְּפִלָּה אוּן אַז מֶען הָאט תְּפִלָּה הָאט מֶען שׁוֹין דִי גְאוּלָה.

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי: עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי לַיידְן שְׁוֶוערֶע קְרֶענְק, וַוייל עֶס פֶעלְט זֵיי אִין דִי אֱמוּנָה; וָואס

breslevcity.co.il

דָאס גֵייט בְּעִיקָר אַרוֹיף אוֹיף נֶערְווֹן קְרֶענְק רַחֲמָנָא לִצְלָן, דָאס וָואס אַ מֶענְטְש אִיז נֶערְוֶועז וְכוּ׳, אָבֶער אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה הָאט מֶען אַ רְפוּאָה.

דֶערְפַאר פֶּסַח בַּיינַאכְט וֶוען מֶען עֶסְט דִי מַצָּה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ מוֹרָא׳דִיגֶע אֱמוּנָה אַזוֹי וְוִי דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תְּצַוֶּה קפג ע״ב) רוּפְט אָן דִי מַצָּה: ׳מִיכְלָא דִמְהֵימָנוּתָא׳, אַ מַאֲכָל פוּן אֱמוּנָה; וַוייל דִי מַצָּה עֶסְט מֶען וַוייל דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעהֵייסְן דָאס עֶסְן, קוּמְט אוֹיס אַז דָאס עֶסְן דִי מַצָּה אִיז אַ מִצְוָה אוּן דִי ווִילְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, מְמֵילָא עֶסְט מֶען דֶעמָאלְטְס ׳אֱלֹקוּת׳ - כַּבְיָכוֹל אַ שְׁטִיק בַּאשֶׁעפֶער, דֶערְפַאר בְּרֶענְגְט יֶעדֶע בִּיס מַצָּה אַרַיין אֱמוּנָה אוּן אַ רֵיינְקַייט אִינֶעם מֶענְטְש, אַז נָאכְדֶעם שְׁפִּירְט מֶען שׁוֹין יֶעדֶע שַׁבָּת אַז דָאס עֶסְן אִיז אַ שְׁטִיק אֱלֹקוּת (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן נז). אוּן אַזוֹי גֵייט דָאס נָאךְ וַוייטֶער בִּיז נָאכְדֶעם שְׁפִּירְט מֶען שׁוֹין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֶענְדִיג וֶוען מֶען עֶסְט, אֲפִילוּ אַ גַאנְצֶע וָואךְ, אַזוֹי וְוִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן סב): וֶוען אַ מֶענְטְש עֶסְט וֶוערְט אַ יִחוּד צְווִישְׁן קוּדְשָׁא-בְּרִיךְ-הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶוערְט גֶעאַיינְצִיגְט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיךְ; וַוייל אֵיינְמָאל אַז אַ מֶענְטְש טְרַאכְט אַרַיין אַז

breslevcity.co.il

אַלֶעס וָואס עֶר עֶסְט אִיז כַּבְיָכוֹל דִי בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיינְס, שְׁפִּירְט עֶר בַּיים עֶסְן אַ מוֹרָא'דִיגֶער נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶועגְן דֶעם אוֹיךְ הֵייסְט פֶּסַח בַּיינַאכְט 'סֵדֶר', וַוייל אִין יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט, קֶען מֶען זָאגְן דֶערוֹיף: פְּ'שַט, רֶ'מֶז, דְ'רוּשׁ, ס'וֹד [פַּרְדֵ"ס], אַזוֹי וִוי דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ זָאגְט (שַׁעַר הַגִלְגּוּלִים הַקְדָמָה יז): אִין יֶעדְן פָּסוּק אִיז דָא זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט פְּשָׁטִים, זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט רְמָזִים, זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דְרוּשִׁים, אוּן זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט סוֹדוֹת. אָבֶער פֶּסַח בַּיינַאכְט אִיז נִישְׁט דָא קַיין פְּ'שַט, נָאר אַלֶעס אִיז פַארְקֶערְט אוּן אָן קַיין פְּשַט, וַוייל דִי גַאנְצֶע מִצְוָה פוּן פֶּסַח בַּיינַאכְט אִיז אַריינְצוּבְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה אִין דִי קִינְדֶער, אוּן מֶען טוּט דַוְקָא אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן כְּדֵי זֵיי זָאלְן פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת אוּן קַשְׁיוֹת, אַזוֹי אַרוּם וֶועלְן זֵיי נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן, וֶועגְן דֶעם הֵייסְט עֶס סֵדֶ"ר, אוּן עֶס פֶעלְט דִי 'פּ' פוּן פְּשַט.

דָאס זֶעלְבֶּע, יֶעדֶער אִיד צוּלִיבּ זַיינֶע עֲבֵירוֹת דְרֵייט עֶר זִיךְ אַרוּם רַחֲמָנָא לִצְלָן מִיט קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְץ יָאר, אָבֶער פֶּסַח בַּיינַאכְט קוּמְט אַרָאפּ אַזַא מִין לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אַז מֶען קֶען אִים פַארְעֶנְטְפֶערְן זַיינֶע אַלֶע קַשְׁיוֹת אוּן

breslevcity.co.il

סְפֵקוֹת, "מֶען אִיז אִים מַסְבִּיר אַז עֶס אִיז דָא זַאכְן וָואס מֶען קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, נָאר דֶער עִיקָר אִיז אֱמוּנָה".

דָאס אִיז וָואס מֶען זָאגְט דֶעם תִּירוּץ פוּן 'עֲבָדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה בְּמִצְרַיִם', דִי אִידְן הָאבְּן אוֹיךְ גֶעלִיטְן אַ שְׁוֶוערְן גָלוּת אִין מִצְרַיִם, אוּן זֵיי וָואלְטְן אוֹיךְ גֶעקֶענְט הָאבְּן קַשְׁיוֹת, דָאךְ הָאבְּן זֵיי זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אֱמוּנָה, אוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעמִישְׁט מִיט דִי גוֹיִים אוּן נִישְׁט נָאכְגֶעגַאנְגֶען זֵייעֶרֶע שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן, אוּן גֶעהִיטְן טַהֲרַת הַמִּשְׁפָּחָה. אַזוֹי אוֹיךְ קוּמְט אִין יֶעדְן אִיד אַרַיין פֶּסַח בַּייַנַאכְט אַזַא לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה אַז עֶס פַאלְט אַוֶועק פוּן אִים אַלֶע קַשְׁיוֹת, אוּן עֶר הָאט תִּירוּצִים אוֹיף אַלֶעס.

וֶועגְן דֶעם וֶוערְט דִי מַצָּה אוֹיךְ אָנְגֶערוּפְן (זֹהַר תְּצַוֶּה קפג ע"ב): מֵיכְלָא דְּאַסְוָותָא - אַ עֶסְן פוּן רְפוּאָה. וַוייל אַז מֶען הָאט דִי רִיכְטִיגֶע אֱמוּנָה, הָאט מֶען שׁוֹין מְמֵילָא אַ רְפוּאָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דֶעם שַׁבָּת מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה, אָן קַיין קְרִיגֶערַיי, וַוייל עַצְבוּת אוּן מַחְלוֹקֶת דָאס אִיז דִי חָמֵץ, אוּן דָאס דַארְף מֶען אוֹיסְרֵיינִיגְן אוּן פַארְבְּרֶענֶען, אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם פֶּסַח

breslevcity.co.il

וָואס אִיז נָאר אֱמוּנָה. אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְּן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין סוֹף כָּל סוֹף אוֹיסְגֶעלֵייזְט צוּ וֶוערְן פוּן דֶעם לַאנְגְן גָלוּת.

~ תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לְאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם ~

breslevcity.co.il